# גליון בת עין

דבר השוה לכל נפש

אידיש

גליון עב • שנה ב

פרשת וישב

תשפ"ה


## פאָרוואָרט

הרה"ק ר' יחזקאל מקאזמיר ברענגט אין זיין ספר נחמד מזהב אז דער רבי פון לובלין איז אמאל געזעצן פרייטיג צו נאכטס און נאגבזאגט די ווערטער פון רש"י לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעוה"ב אלא שמבקשים לישב בשלוה בעוה"ז מיט א רוהיגן טאהן, אזוי ווי ער וויל באטאנען פשט אז רש"י מיינט צו זאגן אז השי"ת זאגט יא, ס'קומט זיך פאר די צדיקיםביידע וועלטן.

זענען געשטאנען די חסידים און זיך געוואונדערט, ווי אזוי איז מעגליך אזוי צו זאגן פשט, רש"י הקדוש פירט דאך אויס קפץ עליו רוגזו של יוסף וואס מיינט אז עס האט ארויפגעשפרינגען אויף אים די אויפברויז פון יוסף, און ווי מען פארשטייט אז דער באשעפער האט נישט געוואלט אז יעקב זאל האבן די וועלט אויך.

איז דארט געווען הרה"ק דער יו"ד הקדוש פון פרשיסחא און געזאגט פאר זיינע תלמידים טאקע די פשט אין דעם הייליגען חוזה'ס ווערטער, אז טאקע ווייל דער באשעפער האט געוואלט נאכגעבן פאר יעקב אבינו די וועלט, האט ער אויסגעשטעלט אז די גלות זאל זיין בדרך כבוד, און דערפאר איז אויסגעשטעלט געווארן די זאך בדרך כבוד.

אין די קומענדיגע תורה גייען מיר זעהן ווי שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד ווי דער הייליגער בת עין האט אליין קינד געוואלט משפיע זיין פאר צדיקים ביידע וועלטן און שוין דעמאלסט מקיים געווען די רצון השי"ת און געזאגט בלשון ניחותא לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעוה"ב אלא שמבקשים לישב בשלוה בעוה"ז.

## פָּרָשַׁת וישב

### תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק ופירוש רש"י. / א קשיא אויף די דברי המדרש.

[ב]

השי"ת טוט רְצוֹן יְרֵאָיו. / פשט אין השי"ת ווערטער לֹא דַּי לַצַּדִּיקִים.

[א]

### לשון הפסוק ופירוש רש"י

וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב.

**פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה קָפַץ עָלָיו רוּגְזוֹ שֶׁל יוֹסֵף**[א] רש"י ברענגט א מדרש אז יעקב האט געוואלט זיצן רוהיגערהייט האט ארויפגעטאנצן אויף אים די אויפברויז (די צרה) פון יוסף, **צַדִּיקִים מְבַקְשִׁים לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ'** און דער אייבישטער האט געזאגט צדיקים ווילן זיצן רוהיגערהייט ?.

### א קשיא אויף די דברי המדרש

**וְיֵשׁ לְהָבִין זֶה הֲלֹא כְּתִיב** (תהלים קמה, יט) **'רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה'** און מען דארף דאס פארשטיין ווייל עס שטייט דאך אין פסוק 'אז דער באשעפער טוט די ווילן פון די וואס האבן מורא פון אים' וואלט דאך דער באשעפער געדארפט טאהן די רצון פון יעקב אבינו.

[ב]

### השי"ת טוט רְצוֹן יְרֵאָיו

**וּלְפָרֵשׁ זֶה** און אונז קענען דאס מסביר זיין, **עַל פִּי מַאֲמַר חֲזַ"ל** (שבת פט:) **רָאוּי הָיָה יַעֲקֹב אָבִינוּ לֵירֵד**

> וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב.
>
> פֵּירֵשׁ רַשִׁ"י בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה קָפַץ עָלָיו רוּגְזוֹ שֶׁל יוֹסֵף, צַדִּיקִים מְבַקְשִׁים לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ'.
>
> וְיֵשׁ לְהָבִין זֶה הֲלֹא כְּתִיב (תהלים קמה, יט) 'רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה'.
>
> וּלְפָרֵשׁ זֶה עַל פִּי מַאֲמַר חֲזַ"ל (שבת פט:) רָאוּי הָיָה יַעֲקֹב אָבִינוּ לֵירֵד לְמִצְרַיִם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל,

---

א. אין רש"י (ד"ה אלה תולדות) ווערט אראפגעברענגט די מדרש: **ועוד נדרש בו** [נאך האט מען גע'דרשנט אויף די פסוק] **וישב ביקש יעקב לישב בשלוה** [עס שטייט 'וישב' וואס מיינט אז יעקב האט זיך געוואלט באזעצן מיט א רוהיגקייט] **קפץ עליו רוגזו של יוסף** [האט ארויפגעשפרינגען אויף אים די אויפברויז פון יוסף] **צדיקים מבקשים לישב בשלוה אומר הקב"ה** [צדיקים ווילן זיצן רוהיגערהייט ? זאגט דער באשעפער] **לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעוה"ב אלא שמבקשים לישב בשלוה בעוה"ז** [נישט גענוג וואס עס איז זיי אנגעגרייט אין עולם הבא נאר זיי ווילן זיצן רוהיגערהייט אויף די וועלט].

**לְמִצְרַיִם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל** לויט די ווערטער פון חז"ל יעקב אבינו איז געווען ראוי אראפצוגיין קיין מצרים מיט אייזערנע קייטן', **וְגִלְגֵּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הַדָּבָר עַל יְדֵי יוֹסֵף** און דער אייבישטער האט צוגעפירט אז עס זאל זיין דורך יוסף הצדיק, **וְיָרַד בְּכָבוֹד גָּדוֹל לְמִצְרַיִם** און אזוי איז יעקב אראפגעגאנגען מיט גרויס כבוד קיין מצרים.

**וּלְפִי זֶה נְפָרֵשׁ שֶׁבְּוַדַּאי רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה** און לויט דעם קענען מיר טייטשען אז אוודאי טוט דער באשעפער די ווילן פון די וואס האבן מורא פון אים, **וְיַעֲקֹב יָדַע שֶׁהוּא רָאוּי לֵירֵד לְמִצְרַיִם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל** און יעקב האט געוויסט אז ער דארף אראפגיין קיין מצרים מיט אייזערע קייטן, **בִּבְחִינַת גָּלוּת** אין א אופן פון א גלות, **עַל פִּי סִיבָּה הַיָּדוּעַ לַהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** צוליב א סיבה וואס נאר דער אייבישטער ווייסט.

**וְלָכֵן בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה** און דערפאר טאקע איז געווען 'בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב' צו זיצן רוהיגעהייט, **הַיְינוּ פֵּירוּשׁ שֶׁהִתְפַּלֵּל מֵה' שֶׁיֵּשֵׁב בְּשַׁלְוָה**[ב] דאס מיינט אז די ווערטער בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב איז טייטש אז ער האט געבעטן פונעם באשעפער, **וַה' בְּרוֹב רַחֲמָיו עוֹשֶׂה רְצוֹן יְרֵאָיו** און דער באשעפער מיט זיין גרויסע רחמנות טוט די ווילן פונעם די ערליכע יודן וואס האבן מורא פון אים, **וְגִלְגֵּל הַדָּבָר שֶׁתִּתְקְפוֹץ עָלָיו רוֹגְזוֹ שֶׁל יוֹסֵף כְּדֵי שֶׁיֵּרֵד לְמִצְרַיִם בְּכָבוֹד** און ער האט צוגעפירט די זאך אז עס זאל קומען אויף אים די אויפברויז פון יוסף כדי יעקב זאל אראפגיין קיין מצרים בדרך כבוד.

> וְגִלְגֵּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הַדָּבָר עַל יְדֵי יוֹסֵף וְיָרַד בְּכָבוֹד גָּדוֹל לְמִצְרַיִם.
>
> וּלְפִי זֶה נְפָרֵשׁ שֶׁבְּוַדַּאי רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה, וְיַעֲקֹב יָדַע שֶׁהוּא רָאוּי לֵירֵד לְמִצְרַיִם בְּשַׁלְשְׁלָאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל בִּבְחִינַת גָּלוּת עַל פִּי סִיבָּה הַיָּדוּעַ לַהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא.
>
> וְלָכֵן בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה, הַיְינוּ פֵּירוּשׁ שֶׁהִתְפַּלֵּל מֵה' שֶׁיֵּשֵׁב בְּשַׁלְוָה[א], וַה' בְּרוֹב רַחֲמָיו עוֹשֶׂה רְצוֹן יְרֵאָיו, וְגִלְגֵּל הַדָּבָר שֶׁתִּתְקְפוֹץ עָלָיו רוֹגְזוֹ שֶׁל יוֹסֵף כְּדֵי שֶׁיֵּרֵד לְמִצְרַיִם בְּכָבוֹד.
>
> וְזֶה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, לֹא דַּי לַצַּדִּיקִים בְּמַה שֶּׁמְּתוּקָּן לָהֶם בָּעוֹלָם הַבָּא[ב], אֶלָּא בְּוַדַּאי צָרִיךְ אֲנִי לְקַבֵּל בַּקָּשָׁתָם וּתְפִלָּתָם שֶׁמְּבַקְשִׁים לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.
>
> דָּבָר זֶה אָמַרְתִּי בִּימֵי יַלְדוּתִי.
>
> א. ר"ל, שלא ירד למצרים בשלשלאות של ברזל, אלא בשלוה ובדרך כבוד.
>
> ב. בניחותא, ולא בלשון תמיהה.

## פשט אין השי"ת ווערטער לֹא דַּי לַצַּדִּיקִים

**וְזֶה שֶׁאָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** און דאס איז וואס השי"ת האט געזאגט, **לֹא דַּי לַצַּדִּיקִים בְּמַה שֶּׁמְּתוּקָּן לָהֶם בָּעוֹלָם הַבָּא**[ג] ס'איז נישט גענוג פאר די צדיקים וואס ס'איז אנגעגרייט פאר זיי אין עולם הבא, **אֶלָּא בְּוַדַּאי צָרִיךְ אֲנִי לְקַבֵּל בַּקָּשָׁתָם וּתְפִלָּתָם שֶׁמְּבַקְשִׁים לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה** נאר איך דארף זיכער אננעמען זייערע תפילות און געבעטן וואס זיי בעטן צו זיצן רוהיגערהייט אויף די וועלט אויך.

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.**

**דָּבָר זֶה אָמַרְתִּי בִּימֵי יַלְדוּתִי** די תורה איז פון מיינע קינדער יארן.

ב. דאס מיינט אז בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב איז נישט ווי די פשוטע פשט ווי מיר טייטשען אז יעקב האט געוואלאט וכו', נאר בִּיקֵּשׁ יַעֲקֹב מיינט יעקב האט געבעטן פונעם באשעפער ער זאל אראפגיין קיין מצרים בדרך כבוד און נישט מיט קייטן.

ג. נישט ווי די פשוטע פשט ווי מען זאגט מיט א ניגון פון א וואונדער **לֹא דַּי לַצַּדִּיקִים ?**, נאר ווי מען זאגט עס מיט א באשטעטיגן טאהן, **לֹא דַּי לַצַּדִּיקִים !** ס'איז נישט גענוג פאר די צדיקים וואס זיי האבן עולם הבא - נאר זיי דארפן אויך האבן עולם הזה !!!.

**גליון זה נתנדב ע"י**
**משתתפי סעודת הילולא של רבינו – י"ב כסליו**
**בביהמ"ד דראביטש בעיר מאנסי – בנשיאות הרהג"צ שליט"א**
זכות רבינו המחבר יגן בעדם שיזכו בני חיי ומזוני רויחי
וימלא השם כל משאלות לבם לטובה. אכי"ר

**גליון זה נתנדב ע"י**
הרה"ח ר' **יואל טוביה גראס** שליט"א
לרגל נישואי בנו בשעה טובה ומוצלחת.
זכות רבינו המחבר יגן בעדו ובעד משפחתו החשובה להתברך
בכל מילי דמיטב ולרוות רוב נחת מכל יוצאי חלציהם. אכי"ר

**לע"נ** הרה"ק מריבניץ ר' **חיים זאנוויל** ב"ר **משה** זי"ע

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com